# ספור של
# חנוכה



תורה ומסורה
בית וועד למחנכים
LAKEWOOD Teachers Center

אין די צייט פון די צווייטע בית המקדש איז געווען זייער א שלעכטע קעניג. זיין נאמען איז געווען אנטיוכוס. ער איז געווען די קעניג פון יון. די מענטשען אין יון זענען געווען די יונים.



אנטיוכוס האט געהערשט איבער
יון און אויכעט איבער ארץ ישראל.
ער האט געוואלט אז אלע די אידן
זאלען זיך אויפירען ווי יונים. ער
האט נישט
געוואלט אז
די אידען
זאלען
טאהן
מצוות.



די אידן האבן געוואלט לערנען תורה. די קינדערלאך זענען אריין אין די וואלד צו לערנען. זיי האבען מיטגענומען דריידלאך. ווייסט דו וואס זיי האבען געטאהן? ווען די קינדערלאך האבן געהערט אז א יוני קומט, האבן זיי באהאלטען זייערע ספרים און געשפילט דריידל.



אנטיוכוס האט
געמאכט שלעכטע
<u>גזרות</u>:

1. מען טאר נישט
היטן <u>שבת</u>.

2. מען טאר נישט
האבן <u>ראש חדש</u>.

3. מען טאר נישט
מאכן א <u>ברית מילה</u>
פאר א נייע יונגל.








אנטיוכוס האט נישט געלאזט די
אידן דאווענען צו ה׳. ער האט זיי
געזאגט אז זיי דארפן דינען עבודה
זרה—געטשקעס.



תורה ומסורה
בית וועד למחנכים
LAKEWOOD Teachers Center

ער האט אפילו געלייגט א <u>פסל</u> און
א חזיר אין די בית המקדש!



מתתיהו איז געווען די כהן גדול.
ער האט געוואלט אז די אידן זאלן
לערנען תורה און טאהן מצוות.
מתתיהו האט געמאכט א מלחמה
מיט די יונים.



מתתיהו'ס זון <u>יהודה</u> איז געווען די הויבט פון די אידישע ארמיי. זיי זענען געווען די <u>מכבים</u>. זיי האבען געהאלטען מלחמה פאר ה' און די תורה.



יהודה המכבי האט אויסגערופען צו די
אידן, ”מי לה‘ אלי“, ווער עס וויל
מלחמה האלטען פאר די אייבישטער,
קום צו מיר. אפילו אז עס איז געווען
אסאך יונים און ווייניג אידן, די
אייבישטער האט
געהאלפען די מכבים
און זיי האבן
פארטריבען אנטיוכוס
און די יונים ארויס
פון די בית
המקדש און
ארץ ישראל.





די אידן האבען זייער שווער געארבעט אויפצורוימען די בית המקדש.



ווען די בית המקדש איז געווען
גערייניגט האבן זיי געוואלט
אנצינדען די שיינע גאלדענע מנורה.
אבער, זיי האבן נישט געקענט
טרעפען קיין
שמן זית זך
מיט די
שטעמפל פון
די כהן גדול.



זיי האבן געזיכט איבעראל אין די
בית המקדש. ברוך ה', זיי האבן
געטראפען איין קליינע פך שמן.
אבער עס איז נאר
געווען אויעל פאר
איין טאג.



די כהן גדול האט אנגעצינדען די מנורה מיט די <u>שמן זית זך</u> וואס זיי האבן געטראפען. ה' האט געמאכט א נס און די אויעל האט געברענט פאר <u>אכט טעג און נעכט</u>.



מיר האבן די יום טוב פון חנוכה
פאר אכט טעג און נעכט. מיר
צינדען די מנורה יעדער נאכט צו
געדענקען די נסים וואס ה' האט
געטאהן פאר אונז.






# מיר טוהן אסאך ספעציאלע זאכן אויף חנוכה צו געדענקען אלע די נסים וואס ה' האט פאר אונז געטאהן "בַּיָמִים הָהֵם בַּזְמַן הַזֶה", אין יענע טעג אין די צייט.




תורה ומסורה
LAKEWOOD Teachers Center